פרייז 15 גראָשען XIV-טער יאָהרגאַנג
Należytość pocztowa uiszczona gotówką
„Radomer-Kielcer Leben" (693) 48
היינט 10 זייטען
Radom, dnia 26 listopada 1937 r.
ראַדאָם, פרייטאָג כ"ב כסלו תרצ"ח
טעלעפאָן פון רעדאַקציע 15 - 18

# ראַדאָמער-קעלצער לעבען

פאַראַנווע פאַרבערײַ
און כעמישע פּראַלניע
A.
HEMPEL
פאַבריק און צענטראַלע אַלטע שטאָדט 7
פיליעס: זשעראָמסקי 1
זשעראָמסקי 21
זשעראָמסקי 59
טראַוגוטטא 11
קעלנער צו וואַשען צו 15 גר.

# דוד פּאַטאַזשניק ז"ל

מיר בעווײנען אויפריכטיג דעם טויט פון אונזער טייערען חבר און פריינד, פּרעזעס פון אונזער פעראיין, דוד פּאַטאַזשניק.

דוד פּאַטאַזשניק איז געווען א דראָשקאַזש, א פּראָסטער יוד, א פּשוט'ער, אָבער אַנ'ערליכער און פרומער יוד. מיר זיינע נאָהנסטע פריינד האָבען געהאַט די געלעגענהייט צו אָבסערווירען זיינע שענע מענשליכע טהאַטען, וואָס האָבען אונז פיעל מאָהל געריהרט ביז טרעהרען. ער האָט געהאַט א טייער פיהלבאַר האַרץ. אין זיין הויז זענען ערצויגען געוואָרען יתומים, וועלכע ער האָט שפּעטער חתונה געמאַכט און זיך געפרעהט אויף זייערע שמחות ווי א טרייער איבערגעגעבענער פאַטער. זיין האַנד איז געווען אָפען און ער האָט געשטיצט מענשען א סך מאָהל איבער זיינע כוחות. מיר ווייסען פון פאַלען, ווען ער האָט נישט געהאַט, איז ער געלאָפען זיך בּאָרגען און דעם נויטליידענדען נישט אוועקגעלאָזט ליידיג. ער איז געווען א מיטגליד אין אַלע יודישע אינסטיטוציעס און אַלע וואָרעם געשטיצט.

מיר יודישע דראָשקאַזשעס האָבען איהם תמיד געשעצט פאַר זיין איידעלען און טייערען כאַראַקטער. ער איז אונז געווען א חבר מיט האַרץ און נשמה. זיין פערלוסט פיהלען מיר אין אונזערע רייהען אויף יעדען שריט און טריט. מיר זיכען איהם דעם בריליאַנטענעם דוד פּאַטאַזשניק. אָבער ליירער, ליירער קענען מיר איהם מעהר נישט געפינען. אמת. דוד פּאַטאַזשניק איז געווען, ווי מען זאָגט, פון פּראָסטען שטיינעל, אָבער א סך אַזעלכע דוד פּאַטאַזשניקס מיט אַזעלכע האַרציגע מענשליכע געפיהלען, געפינען זיך היינט נישט קיין סך. עהרע זיין אַנדענקען!



דער יודישער דראָשקאַזש דוד פּאַטאַזשניק האָט געשטאַמט פון אַנ'אַנשטענדיגע פאַמיליע, געווען בערימט מיט זיין ערליכקייט און גוטסקייט צווישן אַלע מענשען, וואָס האָבען איהם געקענט. ער איז געשטאָרבען פרייטאָג דעם 12-טען און געקומען צו קבורה זונטאָג דעם 14 ליסטאָפּאַד ה. י.

אויף זיין לויה איז געקומען א ריזיגער עולם. אַלע יודישע דראָשקאַזשעס האָבען איהם בעגלייט מיט זייערע דראָשקעס, פיהרענדיג אין זיי די תונדערטער מלוים פאַר א-מזויסט. א חוץ דעם זענען ארויסגעפאָהרען אויפ'ן בית-עלמין דריי אויטאָבוסען געפּאַקט מיט מענשען.

ארום דער לויה איז געווען א קייט פון דראָשקעס. די לאַמטערען, אין וועלכע ס'האָבען זיך געברענט ליכט זענען געווען פערהילט מיט שווארצע קרעפּע.

ביים קבר האָט געהאַלטען א שטאַרקען הספד ר' הענעך שו"ב, וועלכער האָט דעם נפטר כאַראַקטעריזירט אלס מענש וואָס שטענדיג האָט ער שווער געאַרבייט אויף זיין טאָג-טעגליכע חיונה און דערביי געהאַלטען דעם צלם אלקים פערבאָרגען אין זיין האַרץ, וואָס האָט אַזוי וואַרים געקלאַפּט פאַר א יודישען קרעכץ און חעה. וועגען דעם זאָגט עדות זיין שם טוב, וואָס ער האָט נאָך זיך געלאָזט.

דער וואַרימער הספד, וועלכער איז געהאַלטען געוואָרען אין א באַהאַרצטען פאָלקסטימליכען טאָהן, האָט געמאַכט א טיפען איינדרוק אויף די הונדערטער אַנוועזענדע אויפ'ן בית-עלמין.

די יודישע דראָשקאַזשעס אין ראַדאָם.

Kto gilzy „WAWEL" chociaż raz spróbuje
Innych nie kupi, w innych już nie pali
A kiedy swoich znajomych częstuje
Każdy wyborne papierosy chwali.

דעם טיפּסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער חבר מאיר ראָזענצווייג צוליב'ן טויט פון זיין פרוי פּעריל

מעבעל-סעקציע.

ווילט איהר האָבען קלאָרע, זויבערע וועש, נײַע גאַרדעראָבעס, שניי-ווײַסע פאָרהאַנגען,
גיעט נאָר צו וואַשען און פאַרבען אין דער בעקאַנטער
כעמישער פאַרבערײַ און פּראַלניע פון דער ערשטקלאַסיגער פירמע

A. HEMPEL

Centrala Stare Miasto 7 telefon 19 - 70
Filje Zeromskego 1
Zeromskiego 21
Zeromskiego 59
Traugutta 11

יועך ס'האָט זיך נים איבערצייגט זאָל פרובען און וועט זיין ענטציקט פון דער שענער, עסטעטישער און פאַכמענישער ארבייט. ס'ווערט אויך געוואַשען אויף טריקען – בילליגע פרייזען! — פּינקטליכע אויספיהרונג סאָלידע בעהאַנדלונג קומט און איבערצייגט אייך
צענטראַלע: אַלטע שטאָדט 7 אָפּיצ. טעל 70 - 19
פיליעס: זשעראָמסקי 1, טראַוגוטטא 11
זשעראָמסקי 21, זשעראָמסקי 59

ביליג צו וואַשען קאָפּעלושען

# עפּילאָג פון די געשעהענישען בײַם אַמט פון אַרבייטס-פערמיטלונג

אין מאָנטאָג אַפּריל איז עס געווען. עס האָבען זיך דאָן פערזאַמעלט פיעל אַרבייטסלאָזע בּיים „אוושאַנד פּאָשרעדניטשוואָ פּראַצי", וואו זיי האָבען געפאָדערט אַרבייט. דער המון האָט זיך פערהאַלטען אגרעסיוו און גענומען האַקען שויבען אין אוושאַנד. נאָכ'ן אויסברעכען 150 שויבען האָבען די אַרבייטסלאָזע אָנגעהויבען בּעשיסען מיט שטיינער די פּאָליציי, וועלכע האָט געגעבען א זאַלב אין דער לופט און שפּעטער ווען די לאַגע איז געוואָרען דראָהענדער — אין המון. פון די שאָסען איז געפאַלען טויט דער אַרבייטער קזיאַטקאָווסקי. פון אַרבייטס-אַמט האָט זיך דער המון געלאָזט צום מאַגיסטראַט, פון וואַנען ער איז אָבּגעשטויסען געוואָרען אויף דער שפּיזצקא גאַס, וואו עס איז ווידער געקומען צו א צוזאַמענשטויס מיט דער פּאָליציי, בעת וואָס עטליכע פּאָליציאַנטען זענען פערוואונדעט געוואָרען. יענעם טאָג האָבען די אַרבייטסלאָזע אָקופּירט דעם מאַגיסטראַט.

בּעשולדיגט געוואָרען אין אַרויסרופען די געשעהענישען זענען: אָרליק, רישאַק זאָפּיאַ פּיירעק, פּאַנטשיק, סטעפּאַניאַ פּושאַדראַווסקאַ און יאַן שיטעק. אַלע 6 זענען געזעסען געשטאַנען פאַר'ן הייגען קריי-גערייכט. ס'האָבען זיי פערטיידיגט צוויי אַדוואָקאַטען: אַדוו. קאַרניאָל פון וואַרשאַ און אַדוו. פערענצאַוויטש פון ראַדאָם.

נעכטען ביינאַכט איז אַרויסגעטראָגען געוואָרען דער אורטייל לויט וועלכען מיכאַל אָרליק האָט בּעקומען 2 יאָהר תּפיסה; זאָפּיאַ פּיידעק 2 יאָהר; וולאַדיסלאַווא פּאַנטשיק, סטעפּאַניאַק בּושאַנאָווסקאַ און יאַן שיטעק צו א יאָהר יעדער איינער. דער הויפּט-בּעשולדיקטער מיעטשיסלאַוו רישאַק איז גענצליך בּעפרייט געוואָרען. אָרליק און פּיידעק האָט מען תּיכף אָבּגעפיהרט אין תּפיסה.

ווען די ריכטער האָבען פערלייזען דעם זאַהל האָבען פיעל אַנוועזענדע קרובים פון די פער'משפּט'ע אויסגעבראָכען אין א יאָמערליכען געוויין און טייל פון זיי זענען זאָגאַר געבליבען חלשות, אַז מ'האָט זיי געמוזט אַרויסטראָגען.

די כּפּאָזמאַטישע געוויינען פון די אַרויסגעהענדע קרובים פון געריכטס-זאַל האָבען צוגעצייגען די אויפמערקזאַמקייט פון הונדערטער דורכגעהער אין גאַס. אַר.

# קאָנפערענץ אין דער גמינע.

ווענען דעם ענין פון נעוו. דאָזאָר שמואל חיים בּערקאָוויטש איז פאַרגעקומען אין גמינע מיטוואָך אָוונד א קאָנפערענץ פון פּרעזעס דען מיט די פאָרשטעהער פון האַנדווערקער-פערבאַנד אויף רווינסקאַ 1, די ה"ה שמואל אייזענבוים, יחיאל'קע גאָלדבערג און בער זילבערשטרום.

די קאָנפערענץ איז א פּועל-יוצא פון א ווענדונג זייטער צייט פון דערמאָנטען האַנדווערקער-פערבאַנד, נאָך אַן אויפקלערונג וועגען די סיבּות צוליב וועלכע דער ה' בּערקאָוויטש האָט אויפגעהערט צו אַמטירען אַלס דאָזאָר.

די צווייטע וואָך קומט פאַר דער המשך פון דער קאָנפערענץ אויף וועלכע דער ענין וועט ענדגילטיג ערלעדיגט ווערען.


## וויכטיג פאַר סוחרים!

ס'איז דאָ איבערצוגעבען

— א —

## האַלבּ געוועלבּ

אין צענטרום שטאָדט

אויף זשעראָמסקעגאָ.

ערקינדיגען קען מען זיך אין רעדאַקציע.






## קאָנצעסיאָנירטע כּשר'ע יאַטקע

איך מאַך בּעקאַנט דעם יודישען עולם, אַז איך האָבּ בּעקומען א קאָנצעסיע אויף כשר פלייש.

מיין כשר'ע יאַטקע וועט זיין אָפען פון דעם 2-טען נאָוועמבּער, דאָנערשטאָג אין דער האַליע אויף **פּלאַץ-יאַגעלאָנסקי** (רייטשיל) נומער 20

דאָס פלייש, וואָס איז אונטער דער השגחה פון ראַבּינאַט איז בּהכשר גדול, וואָס מעגען עסען אפילו מהדרין מן המהדרין.

גערעדענקט אַלזאָ מיין אַדרעס!

מיט אַכטונג

**דוד גוטמאַן.**



דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער געעהרטען גבאי **זיינוועל שפּייזמאַן**

צוליב'ן טויט פון זיין ליבע שוועסטער

# פּערל נ. ע.

המקום ינחם אותו בתוך שאר אבלי ציון וירושלים

די מתפּללים פון „אחי - עזר"

בּיים האַנדווערקער-קלוב רווינסקאַ 1



## ד א נ ק ז א ג ו נ ג

די פירמעס: אהרן גאָלדבערג, גאָלדפאַרב, ש. נייַמאַן, אורבינדער, זיידענוועבער, קאַכען-בלומען, פייַנגאָלד, ראַפּאַפּאָרט, זאָפּאַטאָווסקי (סוקנע פּאָלסקע) גוטשטאַדט, חיים נייַמאַן, (מאַלטשעווסקי 6) — דאַנקען מיר פאַר זייערע געשאָנקענע סחורות, וועלכע זענען געזאַמעלט געוואָרען דורך די פרויען **בלימה ראָטענבערג** און **דאָקטאָראָווא קאַדישעוויטש** פאַר די זקנים.

די פערוואַלטונג

פון **מושב זקנים** אין ראַדאָם



HALLO! HALLO!

Z dniem 16 b. m nastąpiło otwarcie znanej koncesjonowanej

**SZKOŁY TAŃCÓW**

## „CONTINENTAL"

Radom, w Salonach teatru „Rozmaitości"

Nauka odbywa się przez dyplomowanych profesorów Wiednia i Warszawy Zatwierdzonych przez Rządową Komisję Kwalifikacyjną Komisariatu Rządu m. st. Warszawy. Zapisy codziennie od godz. 10 r. do 11 w. Nauka w kompletach i indywidualnie. Uwaga: już uczymy najmodniejsze przeboje sezonu jak: „TROCADERO" „TAMBORITO" i „SWING"



## INSTYTUT KOSMETYCZNY „VITA"

ŻEROMSKIEGO 48

Racjonalna kosmetyka lecznicza i upiększająca pod fachowym kierow. **G. SPERBER**

Wszelkiego rodzaju zabiegi kosmetyczne. Porady we wszystkich sprawach kosmetyki leczniczej oraz wskazówki co do używania odpowiednich dla każdej cery pudrów, kremów, szminek, mydeł i t. p.

**Usuwanie łupieżu pod gwarancją.**



היימישע

## געשמאַקע מיטאָגען

עס ווערען אַרויסגעגעבען טעגליך פרישע און געשמאַקפולע מיטאָגען אויף זשעראָמסקעגאָ 25 וו. 13

פון די מיטאָגען קענען קאָנסומירען אפילו די, וואָס זענען פאַרויכטיג אין פיהרען א דיעטע.



## פרויען-פעראיין „וויזאָ" אין ראַדאָם וויטאָלדאַ 10

מיר מאַכען בּעקאַנט, אַז די

## אַלגעמיינע יעהרליכע פערזאַמלונג

קומט פאָר שבת דעם 27 ליסטאָפּאַד 1937 י. פּינקטליך 5 נ. מ. אין אייגענעם לאָקאַל אויף וויטאָלדאַ גאַס נר. 10.

טאָג אָרדנונג: 1) ערעפנונג. 2) בּעריכט פון דער טעטיגקייט. 3) וואַהלען פון א קאָמיסיע און רעוויזיאָנס - קאָמיסיע. 4) פרייע פאָרשלאָגען.

מיר בעטען צו קומען פּינקטליך

דער קאָמיטעט.



## KINO ADRIA

שבת דעם 27 2 און 3 אזי

זונטאָג דעם 28 און 2 אז

פריהמאָרגען - פילמען

*BYŁAM SZPIEGIEM*

w rol. gł. Dita Parlo i Pierre Blanchar

*Do niedzieli dnia 28 listopada włącznie*

## Kino ADRIA

Przepiękny film z życia japonskiego

Film osnuty na tle powieści *Maurycego Decobry*

## „YOSCHIWARA"

w rol. gł. *Sessue Hayakawa, Pierre Richard Willm i Tanaka Mitchoko*

NAD PROGRAM CIEKAWE DODATKI

KINO APOLLO

שבת 3 נ. מ. און זונטאג 12 און 1.45

## „די מיידלעך פון נאוואליפקי"

אין די הויפט ראלען
באַרשטשעווסקא, אנדזשעיעווסקא, א. א.

**Od poniedziałku b. m.**

Janet Gaynor, Fredrych March,
JEAN GRAWFORD, ADOLF MENJU W. POWEL
w wielkim podwójnym programie
1. NARODZINY GWIAZDY
2. KONIEC PANI CHANEY

ביז זונטאג דעם 28 איינשליסליך!
MONUMENTALNY FILM BOHATERSKI

## SCYPION AFRYKANSKI

Wspaniały pochód do potęgi i siły.
FILM ZAKROJONY NA MIARĘ
BEN HURA I MESSALINY
NAD PROGRAM KOLORÓWKA
i TYGODNIK PATA.

KINO APOLLO



DR.

## Ł. ROZENBLUM

akuszerja i choroby kobiece
**wznowił przyjęcia**
przy ul. Moniuszki № 18. tel. 16-30
Przyjmuje do godź. 10 i od 4—7 pp.



Two „T O Z"
urządza w sobotę 27 listopada r. b.
w cukierni p. Przybytniewskiego

## DANCING

Dochód przeznacza się na odżywianie biednej dziatwy żydowskiej



## ZAWIADOMIENIE

**Podajemy do łask. wiadomości Pań, że we ŚRODĘ dn. 1 grudnia i w CZWARTEK, dn. 2 grudnia r. b.**
delegatka nasza, p. D-rowa Z. EHRENPREISOWA
udzielać będzie w Hotelu Rzymskim bezpłatnych porad kosmetycznych.
**Zaproszenia na bezpłatne porady otrzymać można we wszystkich pierwszorzędnych perfumeriach i drogeriach.**

UWAGA! We własnym interesie prosimy o wcześniejsze rezerwowanie godzin.

Université de Beauté CEDIB Paris
39, Av. des Champs Elysées, 39.


## בעקאנטמאכונג

די פערוואלטונג פון סוחרים פעראיין אין ראדאם, זשעראמסקי 17 מאכט דערמיט בעקאנט, אז זונטאג דעם 5/XII 1937 י. אום 6 אזייגער אווענד אין ערשטען טערמין און אום 7 אזייגער אווענד אין צווייטען טערמין (אומאבהענגיג פון דער צאל מיטגלידער) קומט פאר אין אייגענעם לאקאל, זשעראמסקי 17 די

## יעהרלכע אלגעמיינע פערזאמלונג

(ה כ ק ך) פון די מיטגלידער פון סוחרים-פעראיין אין ראדאם מיט פאלגענדען טאג-ארדנונג: 1) ערעפנונג 2) וועהלען א פארזיצענדען 3) פארלייענען דעם פראטאקאל פון דער אלגעמיינע פערזאמלונג 4) וואהלען פון 12 מיטגלידער פון ראט און 3 פערטרעטער 5) וואלען פון 9 מיטגלידער אין פערוואלטונג און 3 פערטרעטער 6) וואלען פון 3 מיטגלידער אין רעוויזיאנס-קאמיסיע און 2 פערטרעטער 7) די פראגע פון האנדעלס-שולע פאר סוחרים 8) רעפעראטען וועגן אקטועלע פראגען פון סוחרטום 9) פרייע פארשלאגען און דיסקוסיעס

די פערוואלטונג
פון סוחרים-פעראיין אין ראדאם.

## די פערוואלטונג פון „בית-יתומים און מושב זקנים"

אין ראדאם

גיבט צו קענטניס מיט גרויס צופרידענהייט די גרייטקייט פון די ה"ה דאקטוירים: טויבענפעלד, גאלדבלום, קאדישעוויטש ווי אויך די ה"ה דענטיסטען: אנשער ה., טאטאר ה., נאדעל ש. און פרייראס מ. אומזיסט צו ערטיילען און האבען די מעדיצינישע השגחה איבער די יתומים און זקנים, וועלכע געפינען זיך אין דעם אנשטאלט, וועלכע זי דריקט אויס א הערצליכען דאנק.


DBAJCIE O ZDROWIE DZIECI
NADSZEDŁ **Swieży TRAN**
SKŁAD APTECZNY ST. KUROWER
RADOM, ZEROMSKIEGO 1


## דאנקזאגונג

מיר דריקען אויס א דאנק דער פרוי מ. סענאטאר פאר איהר שעהנעם געשאנק פון וועש פאר'ן יודישען שפיטאל.

די פערוואלטונג
פון יודישען שפיטאל
אין ראדאם.

## דאנקזאגונג.

מיר דאנקען הערצליך דער פרוי בלימה ראטענבערג פאר איהר שעהנעם געשאנק פון וועש פאר'ן יודישען שפיטאל.

די פערוואלטונג
פון יודישען שפיטאל

## ליציטאציע פון ביימער.

מאנטאג דעם 29 ה. כ. וועט אין בית-המדרש הגדול בשעת מנחה-מעריב, ארום 5 אזייגער, פארקומען א ליציטאציע פון 30 ביימער:

29 סאסנעס און 1 דעמב.

די ביימער זענען פון נייעם בית-החיים, פון דעם פלאץ, וואס די גמינע האט לעצטענס בעקומען צו פערגרעסערען דעם פסח מזון בית-עלמין.

די ציטוו. יודישע קהלה-פערוואלטונג
אין ראדאם.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער
ל. טאָכטער און שוועסטער **רעגינע** מיט ה' **לעאָן פרידמאַן** (ראדאָם)
ווינשען מיר זיי א הערצליכען מזל-טוב און פיעל גליק. מיר וואָלען דערלעבען פון אייך פיעל נחת
**אברהם לייב הערשקאָוויטש מט פרוי און קינדער.**

Naszemu klientowi p.
A. C. Herszkowiczowi (Kielce)
z intencji zaręczyn Jego córki
Reginy z. p. Leonem Frydmanem (Radom)
życzy dużo szczęścia
*F-ma Jakób Aleksandrowicz*
Kraków.

ברכת מזל טוב חמה למר אברהם לייב הערשקאָוויטש (קעלץ)
לרגלי אירושה של בתו יקרה **רבקה** עם מר **ארי' פרידמאַן** (ראדאָם)
מ ב ר כ י ם
קעלץ **יהושע הורוביץ ורעיתו**

Rodzinie Herszkowicz
z intencji zaręczyn ich CÓRKI z p. FRYDMANEM
życzą dużo szczęścia
Kielce Górscy


א סענסאַציאָנעלער קלאַנג-פילם אין קינא
„קאַסינאָ"
Pepe le Moko
(Więzień z Kazby)


**לעאָ פינקעלשטיין אין קעלץ.**
שבת דעם 27- ה. ח. 2.30 נאָכמיטאָג קומט פאָר אין זאַל פון „מכבי" (לעאָנארדא 23) אַ אינטערעסאַנטע פאָרלעזונג פון באַקאַנטען פראָלעגענט און קריטיקער אונזער בן-עיר ה' לעאָ פינקעלשטיין (וואַרשאַ) א. ד. ט. „יודיש אין פייער פון דער געשיכטע"

מיר גראַטולירען הערצליך אונזער פריינד
ר' **אברהם הערשקאָוויטש** פון קעלץ
צו דער פערלאָבונג פון זיין ליבע טאָכטער
**רעגינא** מיט ה' **לעאָן פרידמאַן** פון ראדאם
דעם פערלאָבטען פאָר'ל גליק און צופרידענהייט
און די עלטערען אַ סך נחת
**בנימין רייך** מט **פרוי** און **קינדער**
ר אַ ד אָ ם

# ביאַלאָבזשעגער יודען בעטען שוץ אין קעלץ.

די חאָך האָט דער קעלצער קליינהענדלער-פעראיין דערהאַלטען אַ בריוו פון ביאַלאָברזשעגער קליינהענדלער פעראיין אין וועלכען זיי שילדערען די שטאַרקע אַנטיסעמיטישע העץ - קאַמפּאַניע, וואָס די דאָרטיגע ענדעקעס פיהרען געגען יודישען סוחר, קרעמער און סטראַגאַן אין בעטען אַז דער קעלצער קליינהענדלער-פעראיין זאָל ווי אַמשנעלסטען אינטערעווירען פאַר זיי אין וואַיעוואָדזטוואָ-מאַכט.

די נעכסטע טאָג וועט איז דעלעגאַציע זיך פאָרשטעלען פאַר'ן וואָיעוואָדע און בעטען שוץ פאַר די ביאַלאָבזשעגער יודען.

# קעלצער דעלעגאַטען אויף דער אַלפוילישער קאָנפערענץ פאַר ארץ-ישראל.

אויף דער אַלפוילישער קאָנפערענץ פאַר ארץ-ישראל וואָס איז פאָרגעקומען דעם לעצטען זונטאָג אין וואַרשאַ איז קעליץ געווען פאָרטרעטען פון קליינהענדלער-פעראיין ג. גורסקי און א. מינץ. וועלכע זענען אויסגעוועהלט געוואָרען אין דער פראָפּאַגאַנדע-קאָמיסיע ווי אויך גראַנדאָפּעל און איגוש. צוקערמאַן (פון ציוג. אָרג.) דער ערשטער איז אויסגעוועלט געוואָרען אין דער פּאָליטישער קאָמיסיע און דער צווייטער אין דער פינאַנס קאָמיסיע.

די יודישע קהלה האָט קיין פאָרשטעהער נישט געשיקט.


טעאַטער „ראזמאיטאשטשי"
שבת דעם 27 נאָוועמבער ד. י. אזייגער 9 אָוונט
נאָכ'ן דערפאָלגרייכען טורנעע אין אויסלאַנד
**יוסף קאַמען**
אין זיין רעפערטואַר
מיטווירקונג — יעקב שודריך, הערשעלע אַסטראָפּאָלער — באַלאַדע פון י. מאַנגער
דאָווידזאָהן, גולם — 1 אקט, 2 סצענע — ה. לייוויק. א. אנר.
בילעטען פריהער צו בעקומען אין חאָרשטען - האַנדעל זשעראָמסקיעגאָ 9.


**אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון „תומכי-עניים"**
זונטאָג דעם 28-טען 8 אָוונט אין לאָקאַל פון דער קהלה קומט פאָר אַ אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון קעלצער תומכי-העניים.


*Ryba w przezroczystej galarecie smaczną będzie, gdy użyjecie*

**żelatyny** *mielonej* d-ra OETKERA
Zastępca M. CUKIERMAN
Kielce, Warszawska 14
דאָס אומפערגלייכליכע ביכעל מיט די פאָרשריפטען פון ד"ר א. אָעטקער א. נ. „א גוטע באַלעבאָסטע באַקט אליין" קען מען בעקומען אין אַלע קאָלאָניאַלגעשעפטען, בוכהאַנדלונגען און ביי די פערטרעטער פון דער פירמע אָעטקער. די פרייז איז פערקלענערט געוואָרען אויף 30 גראָשען. דאָס ביכעלע איז נישט צום אָבצאָצען, חייל עס ניעס א ... פאָרשריפטען אויף געבעקס א. ד. גל.

אַלע טרעפען זיך אין קינא
„פּאַלאַס"
וואו ס'ווערט געוויזען דער פוילישער פילם
PARADA
Gwiazd Warszawy

MILIONY KOBIET
NA CAŁYM ŚWIECIE
STOSUJE SŁAWNE KOSMETYKI
CEDIB
PARIS
•PUDRY•KREMY•TUSZ DO RZĘS POMADKA DO UST •RÓŻ MLECZKA•
*Żądajcie w najbliższej perfumerii lub drogerii bezpłatnej broszury Cédib o indywidualnej i racjonalnej pielęgnacji skóry.*

Z DZWONKIEM
IDEAL JAWA —
DOBRA KAWA

Najlepsze, najmilsze i najtańsze
prezenty dla rodziny i przyjaciół
to
**kuchenki, żelazka**
**grzejniki do rurek**
**poduszki i inne.**
Do nabycia na dogodnych warunkach
**w Radomskim Towarzystwie Elektrycznem**
Sp. Akc. w Radomiu
ul. Traugutta 53

RADIOODBIORNIKI „KOSMOS" konsygnacyjnym do nabycia w składzie
S. Senator, RADOM ŻEROMSKIEGO 20
tel. 15 - 06



TARYFA OGŁ.: Na 1-szej stronie mm szp. 40 gr. w tekscie mm 1 szp. 60 gr. na ostatnie stron. mm 1 szp. 25 gr. | 1-sza i ostatnia strona liczą 8 szpalt.
אַבאָנעמענטס פּרייז: מאָנאַטליך אין פּוילען זלאָט אין פּראָווינץ, בעלגיען 4 פראַנק אין ... 30 סענט.
Redaktor i Wydawca CH. M. HERC tel. 18 - 15 .טעל
Wydawnictwo „Radomer Kielcer Leben" Radom, Sienkiewicza 20